## פֿון ראָבערט וואַלטערס פּוילישע פֿאָלקס-לידער

### דער טויט פֿון געליבטע

דו מיין טויט, דו מיין טויט,
טוליע מיך נישט צו דיין ברוסט.
איינמאָל וויל איך, איינמאָל טויט,
נאָך איינמאָל מיין געליבטע זען.

איינמאָל וויל איך, גרויער טויט,
איינמאָל וויל איך נאָך מיין אָרעם
אויף מיין געליבטער לייגן, טויט,
איינמאָל קושן איר אין מויל.

שטאַרבסטו, ליבסטער, שטאַרב איך באַלד,
מיר וועלן שטאַרבן אין איין טאָג.
צוויי וועלן שטאַרבן אין איין טאָג,
מען גראָבט איין קבר אויס פֿאַר צוויי.

אַך דאָרט אין אַ טיפֿן גרוב,
אַך דאָרט אין אַ שטילן אָרון
ליגסטו מיר אין טויטן אָרעם,
קושסטו מיר אין שטאַרן מויל.

---

### די אָפּגענאַרטע

ווען איך וואָלט געווען אַ מלכּה
וואָלט איך מיט גאָלד געקלונגען.
איך וואָלט דערלעבט נקמה,
איך וואָלט באַצאָלט די יונגען.

איך וואָלט געהייסן שניידן
פֿון יעדן בוים א רוט,
איך וואָלט געהייסן שמייסן
און שפּריצן זאָל דאָס בלוט.

---

„אילוסטרירטע וואָך״
3 נומ׳ 19, מײַ 14, **1925**, ז׳ 11